ב"ה

# טעראפּי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 72

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי צו רעאגירן וואס א קינד נעמט אוועק פונעם קלענערן?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*וואס טו איך אז מיין גרויסע מיידל, פינף יאר אלט, האלט אין איין אוועקנעמען די צומיס פון אירע יונגערע געשוויסטער?*

*דאס מאכט מיר אסאך מאל זייער אויפגערעגט אויף איר, איך שריי איר אן און איך סטראשע איר מיט שטראפן, ווייל איך האב איר שוין אזויפיל מאל מסביר געווען און גערעדט שיין צו איר אז זי זאל ניט נעמען די צומיס אין מויל, ווייל זי איז שוין גרויס און עס פאסט ניט פאר איר, און מיט דעם אלעס געשעט עס נאכאמאל און נאכאמאל כסדר, און נאכדערצו גייט עס אויפ'ן חשבון פון די קליינע קינדער וואס וויינען אז מען האט צוגענומען זייערע צומיס.*

*מיין שאלה איז צי איך זאל רעאגירן אויף א שטארקע וועג און שטיין אויף דעם אז עס זאל ניט פאסירן, אדער קען איך עס איגנארירן ווי לאנג עס גייט ניט אויפ'ן חשבון פון די קלענערע געשוויסטער?*

*יישר כח*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת כי תצא, י' אלול, שנת תשפ"ה לפרט קטן

... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**חינוך איז: 'פארשטיין דאס קינד'**

טוסט נישט גוט אז דו ווערסט בכעס און דו דערשרעקסט איר, נישט אזוי האט אונז מוהרא"ש געלערנט; מוהרא"ש האט אונז געלערנט אז חינוך איז פארשטיין דאס קינד, **דיין טאכטער פון פינף יאר וויל אויפמערקזאמקייט**, זי זעט ווי מען געבט די גאנצע ליבשאפט פאר די בובאלעך, דאס מאכט איר זי זאל נעמען די צומי וכו'.

**אויסלויבן און אויסרימען אז זי איז אזוי וואויל**

ווער נישט בכעס און סטראשע נישט וכו', וועגן דו זעסט דיין טאכטער נעמט אוועק די צומי פון די בעבי זאלסטו איר געבן ווארעמקייט און איר אויסלויבן און אויסרימען אז זי איז אזוי וואויל און אזוי גוט, וועסטו זען ווי זי וועט פון זיך אליין צוריק געבן די צומי און זי וועט העלפן מיט די קינדער.

**שרייען און סטראשען - איז נערוועז און פארלוירנקייט**

שרייען און סטראשען דאס איז נישט די אידישע וועג, דאס איז נערוועז און פארלוירנקייט; ווארעמקייט און ליבשאפט - דאס איז חינוך.

איך דארף מקצר זיין, די בחוריםווארטן, איך דארף זיי געבן א שיעור. דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

א כתיבה וחתימה טובה, א גוט געבענטשט יאר.

## איז דער יום טוב פורים נאר פאר עשירים און נישט פאר ארימעלייט?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*א יישר כח פאר די טייערע שיעורים. איך וויל עפעס פרעגן, כאטש איך שעם זיך אביסל, איך פיל עפעס אז דער יום טוב פורים איז נישט פאר מיר, ס'איז מער א יום טוב נאר פאר די עשירים, זיי מאכן גרויסע חגיגות, טיילן אסאך געלט, דער יום טוב איז עפעס נאר פאר זיי און נישט פאר פשוטע אידן. וואס האלט איר וועגן דעם?*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פ' ויקהל פקודי - פרה, מברכים ניסן, כ"ב אדר, שנת תשע"ח לפ"ק

לכבוד... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**עשירים לעבן שטענדיג אין פחדים**

וואס ביסטו מקנא א צווייטן? עס נישט דא וועמען מקנא צו זיין - בפרט א גביר; וואס ווייסטו וואס אן עושר מאכט מיט? מענטשן מיינען אז דער וואס האט עשירות דער איז גליקליך. אבער דער אמת איז אז די עשירים אויף זיי איז די גרעסטע רחמנות ווייל זיי האבן

נישט קיין טאג און נישט קיין נאכט און זיי לעבן שטענדיג אין פחדים וכו', זיי האבן נישט קיין חברים, ווייל אלע וואס שמייכלען צו זיי דארפן נאר זייער געלט, קומט אויס זיי האבן נישט קיין אמת'ע חברים וכו' וכו' און זיי שפירן דאס זייער גוט.

**דער עושר קען נישט שלאפן ביינאכט**

גלייב מיר עס איז א גרויס רחמנות אויף עשירים; שלמה המלך זאגט (קהלת ה, יא): "מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד, אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל", אן ארימאן ער שלאפט גוט, ער האט נישט קיין דאגות וכו', "וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן", אבער דער עושר קען נישט שלאפן ביינאכט פון זיינע דאגות.

**מקנא זיין אן ערליכער איד**

עס איז זייער נאריש מקנא צו זיין א צווייטן; דער הייליגער ר' נתן זכרונו לברכה האט געזאגט פאר זיין תלמיד ר' נחמן טולטשינער: **"עס איז נישט דא וועמען צו מקנא זיין; אויב מקנא זיין, דארף מען מקנא זיין אן ערליכער איד, און אויב ביסטו דער ערליכער איד - זאגט ער פאר זיין תלמיד ר' נחמן - בין איך דיר מקנא".**

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ד, א): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר – הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", ווער איז אן עושר - א צופרידענער מענטש? דער וואס דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן אויף וואס ער האט און ער קוקט נישט אויף א צווייטן.

**פלוצלינג ווערט א ישועה וואס מען האט זיך גארנישט געקענט פארשטעלן**

פורים איז א יום טוב פאר יעדן איד, בפרט פאר מענטשן וואס ווארטן אויף א ישועה; מען זעט וואס דער אייבערשטער קען טון, ממש וואס דער רבי זאגט (עיין עלים לתרופה, מכתב יא): "וְיֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", עס קען אויסזען פארן מענטש אז אלעס איז פארמאכט, אלעס איז דערנאך, און פלוצלינג ווערט א ישועה וואס מען האט זיך גארנישט געקענט פארשטעלן פארדעם; **פורים ווייזט אונז אז עס איז נישט דא קיין יאוש.**

**ער איז רייך ווייל ער לעבט מיטן אייבערשטן**

מיר האבן א רבי וואס האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט 'התבודדות', אז א מענטש זאל זיך צוגעוואוינען זיך אויס צו רעדן זיין הארץ צום אייבערשטן. ווען א מענטש פאלגט דעם רבי'ן, ער זוכט זיך אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און ער שמועסט זיך דארט אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, ער פארציילט אים אלעס וואס שטערט אים - **דער מענטש לעבט אן אנדערע סארט לעבן, ער איז אן אמת'ער עושר.** ער איז רייך ווייל ער לעבט מיטן אייבערשטן און דער אייבערשטער וועט אים אלעס געבן, ווייל דער אייבערשטער האט זייער ליב ווען א מענטש פארציילט אים אלעס וואס גייט אריבער אויף אים, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (פרשת בלק, קצה.) **אז דער אייבערשטער ענטפערט פאר אן ארימאן שנעלער ווי ער ענטפערט פאר דעם גרעסטן צדיק.** און ווען דוד המלך האט געזען דאס חשיבות פונעם ארימאן'ס תפילה האט ער אויסגעטון די בגדי מלכות און זיך געזעצט אויף דער ערד און געבעטן דעם אייבערשטן (תהלים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי", הייליגער באשעפער העלף מיר, הער אויס מיין געבעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", ווייל איך בין אזוי ווי אן ארימאן; זעט מען פון דעם אז דער אייבערשטער איז זייער נאנט צו א מענטש וואס איז ביי זיך צעבראכן וכו'.

**ער זוכט זיך אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און ער שמועסט זיך דארט אויס זיין הארץ צום אייבערשטן, ער פארציילט אים אלעס וואס שטערט אים - דער מענטש לעבט אן אנדערע סארט לעבן, ער איז אן אמת'ער עושר. ער איז רייך ווייל ער לעבט מיטן אייבערשטן און דער אייבערשטער וועט אים אלעס געבן, ווייל דער אייבערשטער האט זייער ליב ווען א מענטש פארציילט אים אלעס וואס גייט אריבער אויף אים.**

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**איז גראפאלאגיע אן אויסגעהאלטענע זאך?**
**פארוואס האב איך נישט געזען מרדכי הצדיק ביי די מגילה?**

קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל,
טעקסט אייער אימעיל אדרעס צו: 347.651.1218
אדער שרייבט צו: trpy458@gmail.com
**קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066**